מערכת
בחצרות
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות קדשינו די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ה' | פ' ויחי | י' טבת | תשע"ב | מגילה: ח:

# באריכטן:

## בקודש פנימה

פארגאנגענעם מאנטאג נאכט העעל"ט האט מרן רבינו שליט"א מחדש געווען די לבנה פארנט פון ביהמ"ד חב"ד אין פאלם ספרינגס ווי דער רבי שליט"א דאווענט אין די ימי חול בשעת דער רבי האלט זיך אצינד אויף אויף אפרוה.

נעכטן – מיטוואך אויפדערנאכט האט מרן רבינו שליט"א אפגעשריבן אן אגרת קודש פאר די בחורי חמד תלמידי הישיבה ווי דער רבי שליט"א שרייבט דברי חיזוק ועידוד און דברי התעוררות פאר די בחורים אין לימוד התורה און אין עבודת השם.

ווי אויך האט דער רבי שליט"א צוגעשריבן חידושי תורה פאר די בחורים – דעם פולן טעקסט פון אגרת הקודש ערשיינט אינעם גליון "קול התאחדותינו" שיו"ל ע"י התאחדות אברכים דקהלתינו הק' אין בני ברק.

❧•☙

## הגאון דומ"ץ קרית יואל וועט ווייל'ן אין וויליאמסבורג אויף שב"ק פ' וארא

קומענדיגע וואך שב"ק – פ' וארא הבעל"ט וועט אי"ה הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א ווילן אין וויליאמסבורג לטובת דעם בארימטן מבצר הכוללים ד'קרית יואל וועלכעס געפונט זיך אצינד אין א גאהר שווערער מצב, ווי עס וועט אפגעהאלטן ווערן א מגבית, און אזוי אויך וועט אי"ה דער דיין שליט"א זיך אויפהאלטן אין וויליאמסבורג דעם נאכפאלגענדן וואך פון פ' בא ווי דער דיין וועט באזוכן נגידים בעם און רבני העיר שליט"א.

❧•☙

**מזל טוב!**
פאר ידידינו היקר והחשוב איש האשכולות
**הרב יהודה פרענקל שליט"א**
מיקירי פועלי האפיס בכיתות נוירסורי-קינדערגארטן
במוסדותינו הק' וויליאמסבורג יצ"ו – בנין ישיעי' זאב
לרגל הולדת נכדו היקר ני"ו
אצל בנו ר' ישראל יוסף הי"ו
*רב נחת!*

❧•☙